גאווערנער קעטי האקול | איף תיכף ארויסצוגעבן: 1/13/2026

**גאווערנער האקול אנטדעקט פארשלאגן צו באשיצן ניו יארקער פון זינלאזע אטאקעס דורך דער פעדעראלער רעגירונג**

***אוועקשטעלן א רעכט צו קלאגן פעדעראלע אפיצירן אין געריכט פאר קאנסטיטוציאנאלע פארלעצונגען***

***באשיצן ניו יארקער פון פעדעראלע אפיצירן אין סענסיטיווע לאקאציעס***

***מאכן יעדע ניו יארקער ציילן אין די 2030 צענזוס***

***פארזיכערן ניו יארקער פארמער פון צוגרונד גיין דורך פעדעראלע טאריפס***

***פארבעסערן די ניו יארק סטודענט בארגן סאפורט קאמפיין***

***פארשטערקערן ניו יארק'ס עסנווארג זיכערהייט נעץ***

***פארזיכערן הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע העלט קעיר, נידערן די דראג קאסטן; און פארזיכערן אימיונייזעישען צוטריט***

גאווערנער Hochul (האקול) אנטדעקט פארשלאגן צו באשיצן ניו יארקער פון זינלאזע אטאקעס דורך דער פעדעראלער רעגירונג אין איר 2026 צושטאנד פון די סטעיט רעדע. אזוי ווי די רעפאבליקאנער אין וואשינגטאן טוען ארויפרוקן די פרייזן, און נעמען אוועק העלט קעיר און עסן הילף, און טוען צוריק דרייען די רעכטן און פרייהייט פון ניו יארקער, טוט גאווערנער Hochul (האקול) מעלדן נאך פלענער צו שטיצן און שטיין צו די זייט פון ארבעטער פאמיליעס איבערן סטעיט. גאווערנער Hochul (האקול) איז זייער קלאר, ניו יארק סטעיט קען נישט אנפולן אלע שניטן וואס ווערן געמאכט אין וואשינגטאן, אבער מיר וועלן ווייטער פארטיידיגן ניו יארקער פאמיליעס פון אטאקעס.

"היינט צוטאגס טוט ניו יארק זיך געפונען אין א שווערן מצב צוליב די לייכטזיניגע שריט פון די רעפובליקאנער אין וואשינגטאן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "צו זאל דאס זיין צו באשיצן ניו יארק פון די פרעצעדענטלאזע העכערונגען פון די פעדעראלער אימיגראציע אינפארסמענט, צו פארזיכערן פאמיליעס צו באקומען העלטקעיר, אדער צו שטיצן קליינע ביזנעסער וואס טראגן דעם שווערן לאסט פון טראמפ'ס טאריפס, איך וועל ווייטער זיך אננעמען פאר ניו יארקער נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט אויפן פעדעראלן לעוועל."

**אוועקשטעלן א רעכט צו קלאגן פעדעראלע אפיצירן אין געריכט פאר קאנסטיטוציאנאלע פארלעצונגען**

מיט פרעצעדענטלאזע העכערונגען אין אגרעסיווע פעדעראלע אימיגראציע אינפארסירונג, זענען קאמיוניטיס ארום אמעריקא שאקירט מיט די שווערע טאקטיקן וואס ווערן באשולדיגט צו פארלעצן קאנסטיטוציאנאלע רעכטן.

צו באשיצן קאמיוניטיס ארום די סטעיט און פארזיכערן פאראנטווארטליכקייט ווען קאנסטיטוציאנאלע רעכטן ווערן פארלעצט, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פאראויס רוקן געזעצן וועלכע געבט פאר ניו יארקער א קלארע וועג צו נעמען לעגאלע שריט ווען זייערע רעכטן ווערן פארלעצט.

די פארשלאג אויטאריזירט מענטשן צו ברענגען סטעיט-שטאפל ציווילע שריט קעגן פעדעראלע אפיצירן וועלכע פארלעצן ניו יארקערס' אמעריקאנער קאנסטיטוציאנאלע רעכטן, אין איינקלאנג מיט די זעלבע לעגאלע סטאנדארטן וועלכע זענען שוין אוועקגעשטעלט אין די געזעץ. צו באטאנען, סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אפיצירן זענען שוין אונטער די סטאנדארטן, אריינרעכענענדיג קוואליפיצירטע אימיוניטי וואס באשיצט די אפיצירן וועלכע נעמען שריט אינערהאלב די גרעניצן פון די קלארע אוועקגעשטעלטע געזעץ. די געזעץ וועט פארזיכערן פאראנטווארטליכקייט פאר פעדעראלע אפיצירן אונטער די זעלבע סטאנדארטן. דורכ'ן צושטעלן די סטעיט געזעצן מיט די עקזיסטירנדע פעדעראלע ציווילע רעכטן כללים, טוט דער פארשלאג פארשטערקערן קאנסטיטוציאנאלע באשיצונגען און טוט צושטעלן פאר ניו יארקער מיט א באדייטנפולע לעגאלע פארטיידיגונג ווען די פעדעראלע אויטאריטעט טוט אומקאנסטיטוציאנאל אויסנוצן זייער מאכט אין ניו יארק.

**באשיצן ניו יארקער אין סענסיטיווע לאקאציעס**

פאר צענדליגע יארן, האבן פעדעראלע פאליסיס אונטערביידע פארטייען באגרעניצט די ציווילע אימיגראציע ענפארסירונג צו ארעסטירן מענטשן אן א ווארטאנט אין סענסיטיווע לאקאלן אזוויי שולעס, שפיטעלער און געבעט הייזער. לעצטיגע פעדעראלע ענדערונגען האבן צוריקגעדרייט די באשיצונגען, צושטערנדיג פובליק זיכערהייט, שולע קאמיוניטיס, צוטריט צו קעיר, און צוטרוי אין קריטישע אינסטיטוציעס.

ניו יארקער דארפן קענען גיין אין שולע, באקומען טשיילד קעיר, באקומען מעדיצינישע קעיר און דאווענען רואיגערהייט. גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארשלאגן געזעצן צו פארזיכערן אז עמפינדליכע לאקאציעס זאלן זיין באשיצט קעגן ציווילע אימיגראציע ענפארסירונג אן א געריכטליכע באפעל. די מיטל וועט העלפן געבן סטאבילקייט פאר קינדער און פאמיליעס אין וויכטיגע קאמיוניטי ערטער.

**מאכן יעדע ניו יארקער געציילט**

דער צענזוס וואס ווערט דורכגעפירט יעדע צען יאר איז דער יסוד פאר ניו יארק'ס פאליטישע פארטרעטונג און פאר פעדעראלע שטיצע. נאכפאלגנדיג די 2020 צענזוס, האט די סטעיט פארלוירן א זיץ אין די אמעריקאנער קאנגרעס צוליב א חילוק פון בלויז 89 איינוואוינער — איינע פון די נאנטסטע פארלוסטן אין דער היסטאריע. אונטערציילן ניו יארקער איינוואוינער טוט דירעקט אפעקטירן די סטעיט'ס איינפלוס אין וואשינגטאן און טוט שטעלן אין ריזיקע אונזער גלייכע טייל פון ביליאנען דאלארען אין פעדעראלע הילף וואס שטיצט אונזערע גאסן, בריקן, שפיטעלער און שולעס, אזוי אויך גאר וויכטיגע פראגראמען וואס פאמיליעס זענען אנגעהאנגן דערויף ווי מעדיקעיד, SNAP און WIC.

וויבאלד די פעדעראלע רעגירונג ווייזט אן אז די פאראנטווארטליכקייט פארן צענזוס גייט אריבער צו די סטעיטס, וועט גאווערנער Hochul (האקול) אנהייבן דעם פלאנירונג פראצעס פריצייטיג, צו פארזיכערן אז ניו יארק טוט פארזיכערן איר גלייכע טייל פון פעדעראלע שטיצע און אז יעדע געמיינדע וועט פארטראטן אין אלבאני און וואשינגטאן פאר די נעקסטע צען יאר. זי וועט נעמען שריט פון פאראויס צו פארזיכערן אד אלע ניו יארקער - אריינגערעכנט היסטארישער שווער-צו-ציילן פאפולאציעס ווי צום

ביישפיל נידריגע פארדינער איינוואוינער, קינדער אונטער פינעף, און די וואס דינגען הייזער - זענען אינגאנצן פארטרעטן. ספעציפיש, וועט זי:

- אוועקשטעלן א סטעיט קאמיסיע וואס וועט זיין פאראנטווארטליך פאר סטראטעגישע פלאנירונגען, קאארדענאציע, און צו דערגרייכן געמיינדעס
- באשטימען א הויפט פלאנירער פאר די סטעיט וואס זאל פירן די אלע פלאנירונג ארבעט און צו קאארדאנירן די ארבעט צווישן אגענטורן
- רופן אלע אגענטורן און געמיינדע באזירטע ארגענעזאציעס צו אנפירן פאבליק אויפקלערונגס באמיאונגען און בויען צוטרוי, ספעציעל אין שווער-צו-ציילן געגענטער
- שטיצן די קאונטיס, שטעט, טאונשיפס, און שבט רעגירונגען, צו אפדעיטן די ליסטעס פון לאקאלע אדרעסן (Local Update of Census Addresses, LUCA), צו פארזיכערן אז יעדער וואוינונג איז פונקטליך פארצייכנט אויף די מאפע. אין 2020, האט LUCA באמיאונגען פארזיכערט מער ווי 800,00 [sic]

**באשיצן ניו יארקער פארמער פון צוגרונד גיין דורך פעדעראלע טאריפס**
אגריקולטור איז א הויפט יסוד פון ניו יארק'ס עקאנאמיע, אבער די אומריכטיגע טאריף פאליסיס פון די פעדעראלע רעגירונג שטעלן אין געפאר די מעגליכקייט פון אונזערע פארמערס צו קענען קאנקורירן מיט אנדערע. דורכ'ן אנפירן האנדל מלחמות מיט וויכטיגע אינטערנאציאנאלע שותפים ווי קאנאדע און מעקסיקא, האבן די פעדעראלע שריט ארויף געהויבן די פרייזן פון וויכטיגע מאטעריאלן - ווי זומען, פערטילייזער, און נויטיגע מאשינערי - דעריבער וואס עס שאפט אן אומסטאבילע מארקעט. כאטש די USDA האט לעצטנס געמאלדן א נאציאנאלע הילף פראגראם, איז עס פונדאמענטאל פעלערהאפטיג פאר ניו יארק, וויבאלד עס לאזט איבער פאר ספעציעלע פלאנצונגען און דער מילך מארקעט אן קיין באדייטנדע שטיצע.

צו אדרעסירן די פראבלעם פאראורזאכט דורך די פעדעראלע רעגירונג, טוט גאווערנער Hochul (האקול) פארשלאגן די אגריקולטורע שטאנדהאפטיגקייט קעגן טאריפס פראגראם, וועלכע וועט צושטעלן דרייסיג מיליאן דאלער אין דירעקטע צאלונגען פאר ניו יארקער פלאנצער פון ספעציעלע פלאנצונגען, בהמות פארמער, און מילך פארמער. די דאזיגע איניציאטיוו וועט שנעל פארטיילן די אזוי נויטיגע שטיצע כדי אויסצוגלייכן די העכערע קאסטן וואס זענען געקומען צוליב די טאריפס. די פראגראם טוט באפעסטיגן ניו יארק'ס צוזאג פאר אונזער אגריקולטורע געמיינדע, דערוויייל וואס עס טוט באשיצן לאקאלע דזשאבס און פארזיכערט אונזערע פארמער די זיכערקייט וואס זיי דארפן האבן כדי צו קענען קאנקורירן אין אן אומסטאבילן וועלט מארק.

**פארבעסערן די ניו יארק סטודענט בארגן סאפורט קאמפיין**
פעדעראלע טוישונגען צו סטודענט הלוואות פאליסי טוען עלימינירן עקזיסטירנדע אפציעס פארן צוריקצאלן די הלוואות, און וועלן ארויפשטעלן באגרעניצונגען אויף די מעגליכקייט פון סטודענטן צו באקומען הלוואות, אנהויבנדיג פון יאר 2026. דאס בארגן לאגע איז געווארן גאר שטארק קאמפליצירט, סיי פאר די וואס האבן שוין גענומען הלוואות און סיי פאר די וואס פלאנירן צו בארגן געלט אין די צוקונפט. גאווערנער Hochul (האקול) וועט מעלדן דאס אויסברייטערן די סערוויסעס דורך די סטודענט חובות הילף פראגראם - Education Debt Consumer Assistance Program (EDCAP) צו העלפן אויסלערנען פאר בארגערס פארשטיין וויאזוי זיך אן עצה צו געבן מיט די קאמפליצירטע געזעצן פון סטודענט-לאונס, און וויאזוי זיך ארויסצודרייען אדער זיך ערהוילן פון שפעטע צאלונגען.

EDCAP — ניו יארק'ס ערשטע אין די פאלק סטודענט לאון הילף פראגראם, וועלכע האט געראטעוועט פאר ניו יארקער אכט און פערציג מיליאן דאלער זינט איר גרינדונג אין 2019 - וועט אצינד לאזן אין גאנג אן אגרעסיווער קאמפיין צו דערגרייכן, ארויסהעלפן, און אויסלערנען טויזענטער שפעט צאלער אדער

אזעלכע וואס זענען כמעט שפעט צאלער פון סטודענט הלוואות דורכ'ן זיך צוזאם שטעלן דירעקט מיט קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, מיט א פאקוס אויף פאבליק אינסטיטוציעס, צו איינפירן א שטארקע טריאזש מאדעל וואס ענטהאלט וועבינארס, געצייג פאַר זעלבסט-לערנען, און פערזענליכע באראטונג. די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) וועלן אויך אנטוויקלען א נייע אויסלערנען פראגראם צו אינפארמירן מענטשן איבער 'פרעדאטארי לענדינג' (רויבערישע הלוואות מיט הויכע ריבית) און צושטעלן נאך אקטיווע באמיאונגען צו דערגרייכן און אויפקלערן דעם עולם. אינאיינעם וועלן די אלע אקציעס העלפן סטודענטן צו קענען נאכקומען די כסדר'דיגע טוישונגען אין די געזעצן, צוקומען צו הילף סערוויסעס כדי ארויסצוקריכן און זיך ערהוילן פון חובות (delinquency), און פארמיידן פון רויבערישע הלוואות(predatory lending schemes).

**פארשטערקערן ניו יארק'ס עסנווארג זיכערהייט נעץ**

דאס לעצטיגע פעדעראלע רעגירונג פארשליסונג האט דערמאנט פארן פאלק ווי וואקלדיג אונזער נוטרישען זיכערהייט נעץ איז און וויפיל ניו יארקער מוטשען זיך מיט שפייז אומסטאביליטעט. אלס רעאקציע צו דעם פארשליסונג האט גאווערנער Hochul (האקול) זיך געיאגט מיט נאך פינעף און זעכציג מיליאן דאלער פאר עסן הילף פראגראמען וואס וואס ליפערן עסן פאר צענדליגער טויזנטער ניו יארקער אין זייער צייט פון געברויך

כדי צו בויען ווייטער אויף די דאזיגע שריט און נאך מער באפעסטיגן אונזער עמערדזשענסי שפייז סיסטעם, מעלדט גאווערנער Hochul (האקול) יעצט נאך אינוועסטירונגען פאר די דעפארטמענט אוו העלט'ס (Department of Health, DOH) הונגער פארמיידונג און שפייז הילף פראגראם ( Hunger Prevention and Nutrition Assistance Program, HPNAP) דאס וועט העלפן ניו יארק'ס נעץ פון ארום 2,700 שפייז-בענק, קאמערן, און פאלקס קיכן צו דערגרייכן נאך מער ניו יארקער וואס נויטיגן זיך אין הילף. נייע מיטלען וועלן פארשטארקערן און פארברייטערן אפעראציעס, ערלויבנדיג זיי צו דערגרייכן מער מענטשן מיט געזונטערע אפציעס.

גאווערנער Hochul (האקול) וועט אויך פארבעסערן ניו יארק'ס EBT קארטלעך צו פארזיכערטע טשיפ באזירטע טעכנאלאגיע וואס וועט מאכן די קארטלעך כמעט אוממעגליך צו גנב'נען דורך סקימינג. דערוייל וואס דער פעדעראלע אדמיניסטראציע פרובירט אוועקצונעמען SNAP בענעפיטן - פוד סטעמפס פון אזויפיל ניו יארקער ווי מעגליך, און פארמאכט אן אויג צו פארברעכער וואס גנב'נען וויכטיגע שפייז הילף פון נויטבאדערפטיגטע משפחות, וועט דאס אריבערגיין צו טשיפ-באזירטע EBT קארטלעך העלפן באשיצן די SNAP דאלארן וואס ניו יארקערזענען אנגעוואנדן צו שפייזן זייערע משפחות.

**באשיצן הויכע-קוואליטעט, עפארדעבל, העלט קעיר**

טראץ ערררייכען איינער פון די נידריגסטע נישט אינשורד ראטעס אין די פאלק, לעצטיגע פעדעראלע שריט לייגען אין געפאר די פארזעצונג פון צוגענגליכקייט און צוטריט פון געזונטהייט דעקונג אין ניו יארק. פעדעראלע שניטן צו ניו יארק'ס עסענטשעל פלאן וואס זענען צוזאמען 7.5 ביליאן דאלאר, מער ווי האלב פון די פראגראמס יערליכע פינאנצירונג, לייגן אין געפאר די פראגראמס ווייטערדיגע פעיגקייט. די אפלויפונג פון פעדעראלע פארבעסערטע פרימיום שטייער קרעדיטס מיינט אז 140,000 ניו יארקער באצאלן 40% מער פאר פרימיומס אין 2026. געגנומען צוזאמען, די פעדעראלע פאליסיס זענען אומשטאנד צו צוריקדרייען מער ווי צען יאר פון פארשריט אין ברענגן צוגענגליכע געזונטהייט דעקונג פאר ניו יארקער.

צו באשיצן די שווער-באקומענע געווינסן, גאווערנער Hochul (האקול) וועט אנווייזן די דיפארטמענט פון געזונטהייט צו נעמען טריט צו באשיצן און פארשטערקערן עקזיסטירענדע דעקונג און אדורכטוהן נייע דעקונג אפציעס. די פארמינערן דעקונג פארלוסטן, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנגעוויזן די DOH צו אריינגעבן אן אפליקאציע צו די צענטערן פון מעדיקעיר און מעדיקעיד סערוויסעס צו צוריקגעבן די

עסענטשעל פלאן צו א בעסיק הילף פראגראם, א שריט וועלכע וועט אנהאלטן דעקונג פאר 1.3 מיליאן ניו יארקער פאר וועם די פרימיום-פרייע דעקונג איז א קריטישע לעבנסליניע. פאר די 450,000 ניו יארקער וועלכע וועלן פארלירן זייער יעצטיגע עסענטשעל פלאן דעקונג אין די אריבערגאנג, וועט גאווערנער Hochul (האקול) אנווייזן די דיפארטמענט צו פאראהאנדלן מיט די פעדעראלע רעגירונג צו אנוויקלען צוגענגליכע דעקונג אפציעס צו פארזיכערן ווייטערדיגע צוטריט צו צוגענגליכע העלט קעיר פאר די אפעקטירטע דורך פעדעראלע שניטן.

**אויסנוצן ניו יארק'ס איינקויף מאכט אראפ צו טרייבן דראג קאסטן**
זייט די 2023 אריבערגאנג פון ניו יארק'ס מעדיקעיד פארמאסי בענעפיט צו די פארשנעלערטע NYRx פראגראם, וועלכע האט געשאפט פאר די סטעיט מער ווי 600 מיליאן דאלאר אין נייע צוריקצאלונגען אויף מעדיצין קאסטן, ניו יארק איז געווארן א פאלק-פירער אין פארמאסי בענעפיט פארוואלטונג און ריפארם. אבער, אנגעגעבן די סטעיט'ס גרויסקייט און מארקעט טייל,זענען ניו יארק'ס סופלאמענטאלע ריבעיטס - די סטעיט פאראהאנדלעטע דיסקאונטס וואס מעדיקעיד באקומט איבער צו פעדעראלע-פארלאנגטע ריבעיטס - נאר דורכשניטליך לויט נאציאנאלע סטאנדארטן, אין די צייט וואס אלגעמיינע דראג פרייזן איבערן פאלק האלטן אין איין שטייגן.

צו אדרעסירן די עקשנותדיגע העכערונג אין מעדעצינישע פרייזן און אויסנוצן ניו יארק'ס איינקויף מאכט, גאווערנער Hochul (האקול) וועט אנווייזן די דיפארטמענט פון געזונטהייט צו אידענטיפיצירן און צילן ספעציפישע קלאסן פון הויך-קאסטן דראגס פאר דירעקטע פאראהאנדלונגען מיט פראדוצירער צו ארייכען בעסערע דיסקאונטס פאר די סטעיט. די שריט וועט טרייבן באדייטנדע שפארונגען פאר די מעדיקעיד פראגראם אין א צייט פון באדייטנדע קאסט דרוק וועלכע קומען פון פעדעראלע שניטן, און עס וועט אויך לייגן די גרונט-שטיינער פאר ווייטערדיגע פלענער אראפ צו נידערן די פרייזן פון מעדיצין איבער די גאנצע סטעיט.
**באשיצן אימיוניזאציע צוטריט**
ניו יארק'ס אימיוניזאציע פאליסיס פארלאזן זיך אויף פעדעראלע וואקסין סקעדשיולס וועלכע, אינטער די יעצטיגע אדמיניסטראציע, ווערן וויניגער און וויניגער פארבינדען צו סייענס. דעס שאפט אומזיכערקייט פאר שולעס, העלט קעיר פראוויידערס און ניו יארקער אין אלגעמיין; עס לייגט אויך די געזונט פון אונזער געמיינדעס אינטער ריזיקע און, אין טייל פעלער, פארמערט פאציענט קאסטן.

צו האלטן ניו יארקער געזונט און האלטן געלט אין זייער קעשענעס, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פאראויסרוקן לעגיסלאציע צו פארזיכערן ניו יארק קען שטעלן איר אייגענע אימיוניזאציע סטאנדארט באזירט אויף אנגענומענע מעדעצינישע סייענס און פובליק געזונטהייט געברויכן. די פארשלאג וועט אוטאריזירן די געזונטהייט קאמיסיאנער, אין באראטונג מיט אנערקענטע מעדעצינישע ארגענעזאציעס, אוועקצושטעלן אימוניזאציע פאדערונגען וואס זאלן דינען אלס א וועגווייזער פאר ווער עס מעג גיין אין שולע, פאר דאקטוירים אין זייערע קליניקס, און פאר וואס די אינשורענס פירמעס מוזן דעקן. דעס וועט צושטעלן קלארקייט פאר פראוויידערס און אינשורער, באשיצן צוטריט צו וואקסינען, און פארשטערקערן פובליק געזונטהייט איבערן סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן